בעזהש"ת

# ספר

# מלחמות השם

## חלק י"ז

התעוררות לזהירות בעניני ספרי תורה תפילין ומזוזות. קריאה לראשי ישיבות ומנהלים. סיפורים נוראים בענין מזוזות.

❖

קול קורא'ס ומאמרים בעניני חיזוק הדת
שיצאו לאור בבתי מדרשים וישיבות ובכתבי עת

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו - שנת תשנ"ג

# חברה מזכי הרבים העולמי

בנשיאות הרה״ג מוה״ר
רבי שלום יהודה גראס שליט״א
רב דקהל ״מגן שאול״ ד״האלמין״
ור״מ בישיבה וכולל ״בית ישעי״
״מכון להוראה בשחיטות ובדיקות״
c/o RABBI S.Y. GROSS, 4711 12th Ave., Suite A-5
Brooklyn N.Y. 12119


# די וויכטיקייט פון כשר׳ע מזוזות

# א רוף צו רבנים

## אינהאלט


א. א רוף צו תשובה ........ יט
ב. סדר התשובה ........ כ
ג. סדר התענית ........ כ
ד. דער תיקון ווען ספרי תורות ווערען פארברענט רח״ל ........ כב
ה. פסולע ספרי תורות ........ כג
ו. אן אויפרוף צום ציבור ........ כג
ז. פערציג טויזענט אידען האבען געלייגט פסולע תפילין ........ כד
ח. נישט ערליכע סופרים ........ כו
ט. מענטשען גייען אין פאפירענע תפילין ........ כו
י. תפילין סעט — אן מזוזה סעט ........ כו
יא. תקנה קעגן וואקסענדע מכשולות
אויפרוף צו ראשי ישיבות און מנהלים ........ כז
יב. די תפלין האבען אים געהאלפען מיט קינדער ........ כח
יג. די מורא׳דיגע טראגעדיע — דורך נישט באקוקען די מזוזה! ........ כט
יד. מדה כנגד מדה ........ כט


— א —

### א רוף צו תשובה

די לעצטע פאר יאר האט פאסירט פילע אומגליקען פיזישע און גייסטישע. צענדליגע ספרי תורות זענען ל״ע פארברענט און גערויבט געווארען. ווי אויך הינדערטער פארען תפילינ׳ס, מיט אנדערע ספרי קודש און ווערט פין שווערע טויזנטער ראלארען, צוזאמען מיט א רייע בתי מדרשים, ישיבות, און תלמוד תורות, ווי דער קול תורה ותפלה האט אפגעקליגגען פין פארטאגס ביז די שפעטער נאכן שעה׳ן, ווענען טאטאל פארניכטעט געווארען ל״ע.

אידען מאמינים בני מאמינים ווייסען און גלייבען אז קיין שום פאסירונג ארער אומגליק ת״ו איז נישט קיין צופאל כפרט ביי אומגליקען ביי תשמישי קדושה נאך דערצו אין אזא גרויסען פארנעם אזוי אפט.

דער הייליגער רמב״ם שרייבט אין אנהייב הלכות תענית אז די ווערטער „אם תלכו עמי קרי״ וואס שטייט ביי די תוכחה באדייט, דאס אויב מען וועט אנהענגען די אומגליקען וואס ווערען צו געשיקט פין הימעל אז עס איז בלויז א צופאל, דעמאלס פירט אויס רעד פסוק ווייטער וועט השי״ת מערען צו שטראפען ת״ו.

קומט אויס לויטן רמב״ם (וואס איז ווי באקאנט פון אונזערע גרעסטע הלכה אוטאריטעטען), אז דער שטראף פאר נישט בארעכענען זיך באצאטענס ווען עס פאסירט ח״ו ל״ע א פלוצלינגדיגען אומגליק, און טוהן הלכה למעשה צו פארעכטען דעם פעלער וואס האט צו געברענגט דעם טראגעדיע. לויט די אנווייזונגען פין די ספרים הקדושים וואס זענען געווידמעט אדויסצוגעבען דעם אורטייל אויף יעדען סארט אומגליק ת״ו וואס מען דארף זיך פארנעמען ביי זיך און ביי די גאנצע בני בית אויף להבא.

צ.ב.ש. א) אויב ח״ו עס פאסירט אומגליקען ביי קליינע קינדער וואס זענען רייד פון ווינד, דארף מען ערשטענס באקוקען די מזוזות, שבת לב:. ב) דערנאך דארף מען שטארק נאך קאנטראלירען אויב די אייגענע ציצית און זויך פין די קינדער זענען געמאכט הונדערט פראצענט עפ״י הלכה (טו״י. שזירה לשמה, מצמר), (שבת לב: ועיין בספרי גדולי יהודה על ה׳ ציצית באריכות). ג) דארף מען נאך קאנטראלירען די עסען וואס מען פיטערט דערמיט די קליינע קינדער ווי „סימילאק״ (Similac) און אנדערע פורמולאס, (אחרון ביי „פיקוח נפש״) ווייל ווי באוואוסט זענען זיי געמאכט פון „חלב עכו״ם״ און ענטהאלטען אויך א מישוג פון „חלב״ (אויסער סויאלאק און isomal וואס איז געמאכט פון געוויקסען וואס זענען ריין פון „חלב עכו״ם״. וועגן אנדערע חששות זענען מיר נישט אינפארמירט). ועיין בספרי מנחת יהודה באריכות.

ד) דאס גלייכען דארף מען גוט דורכשטודירען אלע שפייז פראדוקטען וואס קומען אריין אין שטוב סיי פאר קינדער סיי פאר ערוואקסענע אויב עס איז טאקע ריין הונדערט פראצענט פון אלע חששות אין כשרות, איינגעשלאסען

אין זכות פון די גרויסע מצוה וועלן מיר באשירעמט ווערן פון אלע צרות און זוכה זיין בקרוב צו די גאולה שלימה בב"א.

נ.ב.

ווער עס האט אינטערעס צו זיין בכלל מזכה הרבים און העלפען אין די געוואלדיגע מצוה פון תפילין און מזוזות זאל זיך ווענדען טעלעפאניש אדער שריפטליך צו:

RABBI S. GROSS
4711 — 12 Ane
Brooklyn, N.Y. 11219
Tel. 436-8086

# די וויכטיקייט פון כשר'ע מזוזות

## א רוף צו אלע אידן

פון **הרב שלום יהודה גראס**

רב דקהל "מגן שאולי" דיהאלמין ור"מ בישיבה וכולל "בית ישעיי", ברוקלין, ניו יארק. בעמח"ס **נפש ישעי'** על מאכלות אסורות, **קובץ ספרים בעניני כשרות** מ"ב חלקים, **שמירת המצוות כהלכתן** כ"ג חלקים ועוד

לעצטנס האבן מיר געשריבן וועגן דער נאכלעסיקייט פון נישט־אומקוקן זיך אז די מזוזות זאלן זיין, כפרט אין די זומערדיקע וואוינונגען, אין קעמפס, באנגעלאוס, האטעלן, א. ד. גל., זיין געהעריג, כשר, ווייל ווי באוואוסט, זיינען די מזוזות אין די זומער־פלעצער מערסטען טיילס נישט אין ארדענונג. די סיבות דערפון זיינען פאלגענדע:

א) געוויינליך איז דער דורכשניטליכער איד נישט אזוי מדקדק ארויפצושטעלן אן איינגעקויפטע מזוזה אין דער זומער־וואוינונג, ווי ער טוט עס אין זיין שטענדיגער וואוינונג א גאנץ יאר. ווייל ער פארלאזט זיך, אז אויף 2 חדשים וועט כשר זיין די מזוזה וואס געפינט זיך דארט.

ב) אפילו דער וואס איז שוין יא מדקדק און קלאפט־אן אויך זומער א נייע, אייגענע מזוזה, זוכט ער אויך צו שפארן געלט ווי ווייט מעגליך און ער קויפט פון די ביליגע מזוזות, וואס זיינען 90 פראצענט פסול (ועיין בספר נפש ישעי' ח"א עמוד ע"ט באריכות).

ג) טייל מיינען, אז זומער פעלט בכלל נישט אויס קיין מזוזה.

ד) מען פארגינט זיך נישט צו קויפען א געהעריגע מזוזה, טראכטענדיג אז איבעראיאר וועט מען דאס מוזען איבערלאזען פאר אנדערע.

איצט, מורי ורבותי! לאמיר מאכן א שטיקל חשבון הנפש, וואס די זומער־חדשים קאסטן־אפ — די באנגעלאו קאסט כמעט צוויי טויזנט דאלאר, מופן אהין און אהער — בערך 300 ביז 400 דאלאר, אנדערע אויסגאבן, ווי עסנווארג און נויטיקע שטוב־זאכן, — בערך 600 דאלאר. טייל קינדער ווערן געשיקט אין קעמפס — בערך 1,000 דאלאר א קינד. ווער עס האט מערערע קינדער בלעה"ר, גרייכט דאס אין די טויזנטער. אזוי אויך די וואס הערן "לידער" באראבעוועט דורכ'ן זומער, — קומט צו אן עקסטערע עקספענס פון שווערע טויזנטער דאלארן. חוץ דעם וואס עס קען נאך אמאל אפקאסטן עגמת נפש און הארץ־עסעניש, וואס איז פארבונדן מיט גרויסע דאקטאר־בילס, א.ד.גל. יאט אויף דעם אלעם קארגט מען גארנישט, אבער ווען עס האנדלט זיך אין אזא געוואלדיקער גרויסער מצוה ווי מצות מזוזה, קארגט מען 10 אדער 20 דאלאר, און מ'קויפט זיך איין ביליקע מזוזות.

אפילו דער וואס קויפט שוין יא א געהעריגע מזוזה, פארגעסט זיך אז די זומערדיגע מזוזה מוז מען אויך בודק זיין, פונקט ווי די פון א גאנץ יאר.

מיט גרויס פרייד קענען מיר מיטטיילען, אז די התעוררות אין דער היניקער האט אפגעקלונגען אויף ווייט און ברייט איבער גאנץ ניו יארק, נאך מער רבנים זיינען אויך נתעורר געווארן און האבען גע'דרשנ'ט פייערדיג אין זייערע דרשות וועגן דער וויכטיגקייט פון באזארגען זיך מיט הונדערט־פראצענטיגע כשר'ע מזוזות, אפילו אין די זומער־וואוינונגען, און כ"ש א גאנץ יאר.

די רעזולטאטען פון דער התעוררות זיינען געוואלדיגע. א סך אידען האבען באלד ביים אנקום אין קאנטרי זיך גענומען צו די מזוזות, און ביים עפענען די מזוזות זיינען זיי שיער־ניט געפאלן חלשות — זעענדיג פאר זיך א שוידערליך בילד, א צורה פון א "מאנקי" אויפגעמאלן אין דער מזוזה. אט דאס איז געווען דער גאנצער אינהאלט פון דער מזוזה רח"ל. אין דער זעלבער קאלאניע, ווען מ'האט געעפענט א צווייטע מזוזה, האט מען געטראפען געדרוקטע אותיות אויף פאפיר. אן אנדערע מזוזה האט מען געטראפן גאנץ ליידיג, אן א ווערטער. דער סך־הכל פון דער באנגעלאו־קאלאניע, וואס באשטייט פון 30 משפחות בלע"ה, איז, אז קיין איין־איינציגע מזוזה איז נישט געווען כשר, און אזוי זיינען די באנגעלאוס באוואוינט געווארען צענדליגע יארן נאכאנאנד דורך אמת־היימישע אידען פון העכסטען קלאס.

אין א געוויסער באנגעלאו וואו עס איז מיט א פאר יאר צוריק דערטרונקען געווארן א טאטע פון צוויי קינדער ל"ע, האט מען געטראפען א פסול'ע מזוזה. אויך האט מען געטראפען ליידיגע מזוזה־שיידלעך אן מזוזות אינעווייניג. עס זיינען אויך געפונען געווארען מזוזות מיט די אויפשריפטען "פרשנדתא", "וויזתא", "עשרת בני המן" וכו'. דאן האט זיך גענומען פון דעם וואס עפעס א קל האט צעשניטן א מגילת אסתר אין קליינע שטיקלעך און דאס פארקויפט אלס מזוזות.

על כן בעטן מיר פון די אלע וואס האבען נאך נישט בודק געווען זייערע מזוזות אין קאנטרי (ווי אויך פון א גאנץ יאר) — האט רחמנות אויף אייערע קינדער! אזוי ווי די חז"ל זאגען (שבת ל"ב ע"ב, טור ב"י ה' מזוזה יו"ד סי' רפה"ס) אז אין זינד פון מזוזה ווערען פארשניטען די לעבענס פון קליינע קינדער יונגערהייט ל"ע. האט רחמנות אויף זיך! ווייל די מזוזה איז א שמירה פאר אידען, וואו ער גייט און וואו ער קומט. אינטערעסאנט איז, וואס דער ב"י שרייבט (יו"ד ס' רפ"ה), אז דאס איז אן אפענער נס, וואס די וואס האבען נישט מזוזות אויף די טירן ווערן געשעדיגט און דער וואס האט יא א מזוזה אויף דער טיר ווערט נישט געשעדיגט!

צענדליגער אומגליקען האבען פאסירט אין פארלויף פון די לעצטע פאר יאר, באזונדערס אין די זומער צייטען, עקסידענטן ל"ע אן א שיעור, הונדערטער שטיבער זיינען בארויבט געווארען; יונגע מענטשן זיינען ברוטאל דערמארדעט געווארען על קידוש השם אין האלד־אפס, און נאך פארשידענע אומגליקען וואס מען קאן נישט מיט געלט צוריקברענגען. און נאך איצט האט איר אלע ברירות צו ספענדען די פאר דאלער וואס עס דארף קאסטען א מזוזה און באשיינען די זומער־באנגעלאו מיט מהודר'דיגע מזוזות פון ערשטען קלאס. דורך דעם זענט איר בעזהשי"ת פארזיכערט, צוזאמען מיט אייער הויזגעזינד, דעם גאנצען מעת־לעת מכל צרה שלא תבא ברוחניות ובגשמיות.

**הרב שלום יהודה גראס**, אב"ד דקהל "מגן שאולי" ד'האלמין